STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05618

SHPURN

Ephraim Aysikowitchi

Permanent preservation of this book was made possible
by Judy Edelson, Daniel Edelson & Frances Bunyon
in memory of
Stanley Bunyan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שפורן

אפרים אייזיקאוויטש

ש פ ו ר ן

א ו י ף

ד י

ח ו ר ב ו ת

פ ו ן

ד ע ר

י י ד י ש ע ר

ב ע ס א ר א ב י ע

כל הזכויות שמורות למחבר

©

נדפס בישראל
1958

דפוס מל"ן

תל־אביב

א באשיידענע

מצבה

מיין אומגעקומענער מאמען,

חיים און פסח אלתר׳ס קינדער

פון רעזינה, מיין שוואגר

ר״ר יוסף אלתר, זיין פרוי

שיינדעלע זיין קינד פעלילי.

מיין שוועגרן אפטעקערן

שולמית אלתר, איר מאן אפטעקר

סעניא געצאף, איזמאיל, איר קינד

פיה

און

דריי הונדערט טויזנט

ברידער און שוועסטער

פון בעסאראביע

מ א מ ע

אויף בלעטלעך פארגיילטע אונטער א נאקעטן בוים
א גוף אין געראנגל — אין קלעם פון א צוים —
האט א שאָטן געבוירן? אזוי מיט מיין מאמען געשען?
דער וויג פונעם שאָטן געדינט אלס לוין?

צי אויף א תכריכים געקליידעטע ערד
זיך האלטן אויף פיס געווען איז איר שווער?
דער הונגער, דער שניי און דער גליעט פון דער קעלט
פארשלייפן א נשמה אין דער רצחישער וועלט!?

צי באם וואָלד, וואָס אָקערשט צעבליט זיינע טרוימען
פון א בלוטיקן טייכל אויף גראָזן און בלעמלעך צעזייעטע
האָט א ווינט אין זיין פלי מיט פליגל צעשפרייטע
איר אָטעם פארנומען אין אָנענדלעכע רוימען?

צי אין א געטלעכער העלקייט פון טאָגן
פאר זוניקע אויגן און געאייל
מיט טויען וואָס ניט צעוויקלטע בלומען אין זיך טראָגן
האָט פון איר בלוט זיך באוואשן דער זאָטער שאקאל???

— — —

מיט איר שאַרף
גיך
האָט די נאכט
דער שטיקט
אויך אין זיך
א רוף,
א געבעט
און
א יעכץ
מיט דעם א בלעטל געשלאָסן
...פון באליידונגען מענטשלעכע
מענטשלעכער לייד,
בעת האָט צעגאָסן
...פארשפרייט
רציחה
און
חוזק
אין
וועלט
און אין מיט פון זיי ביידע
מיין
אומה
געשטעלט!

— — —

הער מיך מ א מ ע! הער די בלאָנדזענע טייל פון דיין וויי,
זי לויערט אין רוימען און זוכט אין חשכות דיין רו:
אין יאָמער פון ווינטן — הערט דיין לעצטן געשריי
און זוכט אין די צייטן דיין פארגאנגענע שעה.

אין עלנטקייט וואָגלט איין איינזאם קול
מיט האָפענונגען פארלוירענע, פון טרוימען גענארט;
פארעכט דיין געבראָכענעם געמיט האָט אמאָל,
דיין טרויער צומאָל אין א זייט האָט פארשארט;
אליין דרויבלט אין קאמף זיינע יאָרן און טעג
פארלאָזט פון א טייל איז, פארראטן, פארשוועכט
און מיט א קלענערער גייט אויף א וועג
וואס פירט צו די לוחות פון יושר און רעכט.

ביסט א קרבן געפאלן, דיין קבר מיט בלוט פול באגאָסן
ניט באוויינט האָבן קרובים, ניט באוויינט האָבן שכינים:
אויך זיי — דערשטאָכן, פארסמט, דערשטיקט און צעשאָסן.
האָסט דיין רעכט ניט באקומען פון קברן, פון קיינעם.

ווו דיינע ביינער עס רוען איך הייב ניט אָן וויסן
אייביק דיין קבר וועט בלייבן מיר פרעמד.
אין העל פונעם טאָגן — איך זע דיין געוויסן
אין שקיעה — איך זע דאָס פארבלוטיקטע העמד...

* * *

געבויגן אינדרייען כ׳שטיי פאר דיין ארון,

ווי כ׳זע דיך אין שטיבל אין איינע פאַרנאַכטן,
הייב איך אָן שיילן מיין ווייטן זכרון
צי זוכן ס׳ליכט וואָס קען גאָר באַלאַכטן
דאָס בלעטל צעווייקטע פון קינדערעשע יאָרן...
זע איך אין פינטל פון אָוונט־געבוירענעם שטערן
און די שיין פון דיין שנירל צילנדע טרערן...

ווי קען מען פאַרגעסן דער מאַמעס האַרציגע אויגן?
צוויי זונען וואָס גיסן ווארעם און שיין אין די וויגן!
מיט וויפל ליבע און מוט האָסט מיין האַרץ אָנגעזויגן!?
און פאַרקיילט עס צום קאַמף — די בויט זאָל באַזיגן.

ווי דו, שטרעק איך דעם מענטשן מיין האַנט...
דיין נשמה מיט מיר איז — זי צעוויקלט מיר העלן.
מיט איר גיי איך אין שטורם — ברעכן די וואַנט:
אַז די זון זאָל אויך גרייכן צו קלענערע שוועלן...

* * *

אונדז טויזנטער מיילן האָבן צעטיילט, און צעשיידט,
בעת אין דיינע אויגן געצאַנקט האָט דאָס לעצט ביסל שיין.
טיף געשניטן האָט די שווערד און מיט טויטן געזייעט
אויף דיר שלינגען געגעבן איר גרויליקן סם

אין דער לעצטער געבליבענער רגע,
ווען ס׳האַרץ דיינס אריין איז אין ציטער:
דורך אַ צאַפּל דו שיקסט מיר דאָס ליבסטע: —
—דיין אמת—אין לעבן געזויפט דורך אים האָסט דעם ביטער...

און ווי עלנט געוואָגלט, אזוי עלנט האָסט דיינע רגות געציילט
ביז אויסגעהויכט דאָס לעבן דיינס מידע!
מיט דיין ווי' וועל איך מ א מ ע, טעגלעך זיך טיילן,
זיך טיילן מיט דיינעם, ווי אויך מיטן ווי' פון מיין ע ד ה!

* * *

כ'ווייס ניט מיט ס'ארא מיטלען דער טויט
אומברחמנותדיק צו דיר זיך געאיילט און געצויגן,
כ'ווייס נאָר ווי שווער האָסט באַקומען דיין ברויט
און ווי אויך און ווי ווייט דיין נשמה איז געפלויגן...

דורך גאז—מאשין, תליה, קויל,
מגפה, שייטער, הונגער, קעלט
צי שטויביקע ערד האָט פארשאָטן דאָס מויל,
וואָס געלערנט מיך ליבן די וועלט?!
אויך מיט כבד געלערנט באַלוינען
יעדן באַזונדער האָט מיך:
מיין כעס זאל פאר קיינעם ניט שוימען
און ליבן דעם מענטשן זאל איך.

ווי מ'היט נאָר די אויגן אין קאָפּ,
אזוי היט איך דיין תורה, ווי דו האָסט באַוויזן,
פון איר מ א מ ע, טרעט איך קיין מאָל ניט אָפּ —
זי בלייבט מיר מיין אָנשפּאר, זי בלייבט אין מיין וויסן...

* * *

איך געדענק יענע גרויע, פּראָסטיקע טעג,
ווען זיי בוימער אויף פענצטער—כלערליי מאָלן:
ניט געוועזן בא דיר מעל צו פארקנייטן א טייג,
ניט געוועזן שכר־לימוד דעם רבין באַצאָלן,

ניט געווען קיין צוקער אויף א ווארעם גלאָז טיי;
האבן דיינע ליפּן באַרירט מיין פארפרוירענעם שטערן;
ארום איז די שטוב געווען פארשאָטן מיט שניי
און דיינע אויגן האבן געגאָסן זילבערנע טרערן.

דער טאטע ביז שפעט אין דערנאכט
אין יעדן אינדערפרי
טראָגט דעם פּריץ זיין מי
און דו...
מיט טרויער געלאָדענע ברעמען
באשולדיגסט..

באשולדיקט האָסט ווענען?
— — — אויך זיך
ווי געקלאָפּט זיך על־חטא...
ווער האָט מיך דערמוטיקט, דערווארעמט, געזעגט,
אז ניט די טרער פון דיין אָפּטן געוויין?!
קארטאָפל און האליץ האָבן אויכעט געפעלט;
דאָך די וועלט דיר שיין אויסגעזען
און תפילות גאָט שיקן דו האָסט ניט פארפיילט...

* *
*

ווען באזוכן דאס חדר, כ׳האָב אויפגעהערט
ערשט דעמלט דיין לעבן איז געוואָרן פארשטערט.
הימלען געריסן, זיי געצויגן צו דר׳ערד;
א קישן פארזעצט, פּראָצענטן באצאָלט
און געעפנט מיר ווידער די טיר פונעם חדר.
אזוי האסטו ס׳לעבן געדררויבלט, געמאָלט;
דיין הארץ, דיין נשמה געהערט האבן מיר.

די סדרה מיך הערן, ווי א קינד אָנגעקוועלט.
אין הויכן געשוועבט, מיט פרייד פול באפליגלט
און א טרוימעקע גוטקייט פון א באנייעטער וועלט
אין דיינע אויגן אויסגעוויינטע האט זיך קלאָר אָפגעשפיגלט.

* * *

אין יענע אינדערפריען פון זון רייך באשיינטע
(פארהילטע אין זילבערנע, גאָלדענע שטויבן,
דעקן ברייט אויף דעם פרילינגס געזיכט...
נאָר זיי מיטן אָרעמען קינד אויך באפריינדטע
אים עפענען די טיר. ווי פון שטייג פאר די טויבן
און רופן צום וואַרעם, אים רופן צום ליכט...)
מיך פלעגסטו מיט גוטן און מיט בייזן אפפירן
צום מלמד אין פינצטערן חדר.
איך פלעג כליפען
און דו
מיט א שמייכל פלעגסט מיר צוזאָגן:
„מ׳ריין גייען אין גאָרטן שפאצירן
שבת, אין שענערע קליידער".
— — — ערלעך געגלויבט אינעם חדר —
ליבע אין הארצן פארזייען,
בעת אנדערע מאמעס האָבן זייערע געלערנט
וויאזוי יידישע קינדער רייסן אינצווייען...
בעת האָסט צו ליבע געטרוימט, נאָך איר ממש געלעכצט,
האָבן נישטיקע דייטשקעס מיט דאָרשטיקע ליפן
שלענגען געזויגן און זיי פעיק געשעצט
העלדזער מיט שטריקן ענגער פארקניפן.
בעת אין חדר געלערנט מיך ליבן, נאָר ליבן
און קיינמאל דעם וועג ביט אויסמיידן,
פארוואָס האט מען פ ר י צ ן אזא תורה געגעבן
וויאזוי ביזן לעצטן יידן פארשניידן?

וו נעמט מען א קללה צום שעלטן
און א מגפה זאָל מאכן פארשטיין
אַט די, וואָס נאקעטע קינדער געשליידערט אויף קעלטן
און קעפלעך צעשפליטערט, צעדרויבלט אין שטיין!!

* * *

פיל שלאָפלאָזע נעכט ביסט געשטאנען געבויגן
איבער מיין בעט, ווען גענאָגט מיינע בלוטן דער פיבער,
ווי עס האבן געזאָטן דיינע טרערן פון אויגן
און ווי הייס האט געפלאַמט דיין מאַמעשע ליבע!!!
וויפל צער אויפן פנים געווען אויסגעגאָסן!
דיין יאוש מיין היץ האט געקילט, מיין ברען האָט געלאָשן
און געעפנט דאס מויל מיינס ענג צוגעשלאָסן.

ווי תמיד געפעלט האט דער בלייענער גראָשן
א רפואה באשטעלן, א רפואה פארזאָרגן...
געציילט האסטו מאמע. וויפל מעת־לעתן
——— ביז יענעם פרימארגן,
ווען געמאָנט האָב א טיי, געמאָנט עפעס עסן?
פלוצים פון פרייד און פון גליק
(באם באווישן דעם שוויס פון מיין פנים)
א פלאקער צעשטראלט האט דיין בליק
און טרערן א מבול צעגאסן האָסט ווידער.
מיך געהאלדזט און געקושט. אויף אלעמען גרייט.
דיינע ליפן געשווימען אין ימעקן שיין.
עס קלינגט אין די אויערן זייער ווונטש, זייער געבעט:
„קינד מיינס, פאר דיר, מיר בעסער, זאָל זיין".

בא דער תפילה פארקאטשעט האט זיך דיין פריידיקע טרער
און טיף אין א פאלד פון מיין ווען אריין;

פון נעכטן — איצט בריט זי פיל מער,
זי בראָט און ברענט מיין געוויסן
ווי כאָוועץ מיך — געווען איז דיר שווער!

איינגעבאקן די טרער — האלט איך אין זיך —
דיין טרער פון דער ליבע צו מיר;
מיך טרייסטן ווי אמאָל געטרייסט זי האָט מיך
און וועקן נקמה פאר אלע און פאר דיר!...

איך וואָלט אויף שטיקער צעשניטן, אויף. ברעקלעך צעביסן
דאס דייטש שאקאלישע הארץ
ווער דיין ליכט אויסגעלאָשן, דיין לעבן צעריסן
און מיינס אויף אייביק פארשווארצט!

זאל דער תליון דערפילן דעם ווייַ
פון קללה, וואס מוז אים זיין אָטעם פארקניפּן,
זאל באזינגען די קראָ זיין געשריי
און פון קאָפּ אים די אויגן אויסציפּן!
זאל מיין קללה אויף בליציקע פליגל זיין מאמען דערגרייכן
אין איר קלעם אויך זיין אומה פארכאַפּן!
זאל די שארף פון מיין שאנה זי שניידן, זי ברעכן,
——— זי שטיקן,
———זי בראָטן,
———זי קלאַפּן!

קעשענעוו אפריל 1945

אן אנזאג
(די הימלען ווילן אזוי)

באם ראנד פון שטעטאלע קליינעם
פאר פריש צעגראָבענע קברים
מאמעס און קינדער זיך טוליען אינאיינעם
און תפילות זיי שעפטשן אָן ספרים...

דער טונקל פון שטאָלענעם מויל
געקערט צו א מאמען, וואָס שטייט
(און וואַרט אויף דער קומענדיקער קויל)
בא איר יינגעלע רחמים זיך בעט:

„צאַפּל ניט קינד מיינס,
דאָ וועט גאָר ניט געשען
„די אייגעלעך פארשטעל זיך
זאָלסט דעם מלך־המות ניט זען...

כ׳וועל פאַלן דיך צופאַרשטעלן.
מוזטו שטיל ליגן. געדענק!
ביז די נאַכט פאַרטרייבן די העלן
און דייטשן פאַרפירן אין שענק.

דו לעבן וועסט בלייבן
יאָ, יאָ — די הימלען ווילן אַזוי,
נאָר שטיקן אין זיך זאָלסט דיין אָטעם
און ניט זאָגן קיין איינציקן „אוי״

אין טונקל פון נאַכט מוזטו שטיל
אויפן בייכעלע רוקן, ביז ווען
גרייכן די חורבה — די מיל...
הער זיך איין און פאַרנעם!

ווען דערהערן וועסט פון אַן אָרט
א זיפץ, א קרעכץ פון א „ווייי״ —
אין יידן געפונען זיך דאָרט,
גייען זאָלסטו צו זיי!״...

קעשענעוו יולי 1945

זאג מיר כאטש איין ווארט!

א קליין הערצעלע
מאטערט, פלאטערט זיך,
קלאַפּט א טרויער אויס!

טרערן שטילע אויף די
בעקעלעך קייטשן זיך
פון אויגן זיינע ארויס!

אין א זייט פון גרוב
אָטעמט שוין ניט מער
א גוף אין בלוט פארפלעקט,

און צוקאַפּנס אים
זיצט א קינד אין צער
און זיין מאמען וועקט:

„מאמע, מאמעניו,
מאמע טייערע!
די נאכט לויפט שוין אָן

שטיי שוין מאמע אויף,
גיכער מאמעניו:
שפעט איז שוין די שעה!

פארוואָס־זשע שווייגסטו אַלץ
ליבע מאמעניו,
און רירסט זיך ניט פון אָרט!?

עפן שוין די אויגן
דיינע זיסע אויף
און זאָג מיר כאָטש איין וואָרט!

אינעם הערצעלע
ברענט א פייערל
ברענט און ברענט ניט אויס,

אויפן קבר טרערן,
טרערן בלוטיקע
לעשן זיך ניט אויס.

קעשענעוו יולי 1945

טראַנסניסטריע

צווישן שטעכ־דראָדיקן מקלט אין טאָל
פונקלען פליטערלעך ווייסע רואיק אָ דאָ
און קינדער פאַרקנוילטע אָן א צאָל
דעקן מיט הימלען גרויע זיך צו...

און מאַמעס אויף קני אויף געפאַלענעם שניי
דיכענען ביי א טיר — פאַר א וואַנט...
טרייסלט א ווינט זיין שטויב אָפּ אויף זיי
און פוין אויבן דער פראָסט באַגלעט מיט זיין האַנט...

הפקרע, שאָטנס באַוועגן זיך געבויגן...
פאַרשטאַרצטע מיט איבערגעפרוירענע בלוטן...
אין וואַסערן מוטנע פון מאַמעשע אויגן
כוואַליעט א טרויער זיינע לעצטע מינוטן...

פאַר גאָלדענע ציינער פון מויל אויסגעריסן
בעטן מאַמעס בא א שדשן לאַך:

— „קינדער פארשלאפטע כאָטש שענקען
זאל דער „בעל הרחמים" א שטיקעלע דאך
זיי זאלן זיך דאָרטן אויסקרענקען"

פונקלען פליטערלעך ווייסע רואיק אָ דאָ
צווישן שטעכ־דראָדיקן מקלט אין טאָל
באטרערן שוין הימלען אויך אָ פּאָר שעה
אויסגערפרוירענע קינדער — שטיקער אייז אָן א צאָל...

קעשענעוו 1945

שפּיל קאַפּעליע

פאַר די רחלעך געשענדעטע,
געהאַנגענע אויף פּלויט און טויער,
פאַר דערשטיקטע און ניטדערברענטע
שפּיל קאַפּעליע אויס מיין טרויער!

ברויז־אויף פידעלע, א ניגון
באַווײן אומלעשנדיקע ווייען!
זאָל דיין קלאָג מיין טרער ניט קילן
און איבערשרייען גוואַלד־געשרייען

פון מאַמעס, קינדער, שוועסטער, ברידער
בעת געשליידערט אויפן פייער
פון רוצחים, אכזרים, לעסטערס —
צעווילדעוועטע חיות.

פויק, קלאַרינעט, באַס, טראָמפּעט,
הילכט!!! מייז האָס אין ר״ם צעדינערט!
אין ווייטסטע הימלען זאָל מיין ווײ דערגייען!
און דאָס בייזע אין טיפסטע טיפן נידערט!

און דו — דוינע־זינגער — פלייט,
צי אויס דיין ניגון שטיל, שטיל אָן רעש
פלעך פון טענער דיינע אויס א קייט
און צוים ארום די חורבות אש;

און זייער היילקייט אין נייע צעלטן
מיט דיין ניגון ברענג אריין!
אין וועלכע, וועלכע, וועלטן
מיין קיום הפקר מער ניט זיין???

פארפאס קאפעליע, אָט דעם שטיין
אין מיין קרוין פון צער!
שטערנס זעקס מיליאָן אליין
אויסגעציילט האָב איך דערפאר!

אָט די רחלעך געשענדעטע,
געהאנגענע אויף פלויט און טויער;
פארסמטע, דערשטיקטע, און פארברענטע:
פארהילן מיך אין טיפן טרויער!!!

קעשענעוו יולי 1945

שפורן

יעקב גראָפּערן

אונטער א ברויזיקן הימל מיט בלויען
וויגט זיך די געגנט אין א געטלעכער רו,
בלומען פארהילטע אין טויען,
ביימער שטיל טרוימען אין נאכטיקער שעה...

פאר די פיס פונעם בארג אָקערטש באגרינטן
נייגט זיך א מקום — פון גורל געשטיפּט
מיט זוניקן שטויב באשאָטן, באגילטן
און דער וואלד — אין זיין חלום פארטיפט...

געבליט, געצוויטעט אין גאָרטן די שטאָט,
פארגארטלט אין סעדער — דער ראנד פון מיין וויג...
ידיעות אויף ספלאָוועס ברענגט איר דער פּרוט —
אין שלנגלען, אין שטרעבן וואָס געפינט גאָר זיין גליק.

דאס איז דער קאנט
ווו דערגרייכט מיין אורזיידע,
אין דאָזיקן לאנד
געטרוימט האָבן מיר ביידע...

אין וויג פון מיין חלום באגינען —
אין שיין פון מיין בליענדן סאָד
ווו קינדערשע נויט געגליט, געשפינען,
נאָך יאָרן קומט ווידער מיין חשדישער טראָט.

און דאָ אויף א געסל קרום און פארשמאָלט
אין א זייט אויף א זייט איינגעבראָכן:
א שטיבל צעריבן, פון ווינטן צעמאָלט,
אין טויט־שלאָף פארוויגט און אין כישוף פארשפראָכן...

די חרפה מיט פיין און מיט האס איך באגעגן...
שפליטערס, די בלוטן פארפרירן, פארקילן;
פון אייביקייט ווייזיעס זיי טראָגן אנטקעגן,
א וואָרנונג מיטברענגען און א טרויער א שטילן...

נאך וואכיק א ווענטל פארוואונדעט פון שטויס
הפקר און עלנט — אין אומעט פארהילט...
שפורן פון סוודוות באהאלט ס'ווענטל אין זיך אויס —
פון מענטשנס צעריסן געמיט.

די ווענטערין עדות האָט אויך צו זאָגן,
דערציילן וואָס דאָ איז פארלאָפן, וואָס דאָ איז געשען;

פון איבערגעלעבטע גרויליקע פלאָגן,
פון איר דאָ געהערט, פון איר דאָ געזען...

דאָס איז דער קאַנט...
ווער קען מיר דאָס זאָגן,
אַז דעם דאָזיקן לאַנד
האָב מײַן ליבע געטראָגן?

די חורבה פאַרלאָזטע — בידנע מײַן היים
מיט ליבע צעבלעטערט מײַן קינדערישן זכרון;
און סע שווימען אויף זכרונות פון געליטענע
פאַרגאַנגענע טעג, פאַרגאַנגענע יאָרן...

ווי צווישן ווענט דאָ צעבראָכן—פאַרשעמטע
האָט אַ מאַמע מיט איר קינד אײַנגעקנעלט
געקאָסט האָבן פיל טרערן אויסגעוויינטע:
„לא תגנב״, „לא תרצח״, „כבוד פאַר וועלט״.

אַ ניטפאַרטריקנטע טרער פון אַ בלאַט הייבט־אָן בליצן
אין חורבה ווו איך דריי זיך אַרומעט אין מיטן;
אַ בלאַט פון אַ חומש מערק איך שבעה דאָ זיצן
מען האָט ביי אים אויכעט קריעה געשניטן.

דאָס איז ער דער קאַנט —
די היים ווו געבוירן,

אפרים אייזיקאָוויטש

דעם האַזיקן לאנד
טרייפּשאפט געשווירן...

ניטא מער די סטעזשקע וואס פירט צו דער מיל
מיט מי דורכגעשניטן פון טאטן, פון זיידן!
פארמיסטעווט, פארוואסקן אויך די צו דער שיל
מיט יראת־שמים געטראָטן פון ביידע

באם זוכן סימנים — די ריכטונג צו שיל
ווינקט מיר די קרוין פון אקאציען־בוים
ווער איך זוניקע טעג דערקוויקט מיט איר קיל,
אויך וועמען פארטרויעט מיין ייִנגלישן טרוים...

ווו איז דער בנין אין גאנץ פון זיין שטאָלץ
ווו גאָט זיינע ביינער נאָך ארבעט רוט אויס?
פון שטיין און פון ליים, פון מיסטיקן האָלץ
באווייזט זיך פאר אויגן א בערגל א גרויס...

פינקלט פון בערגל א פארמעט ארויס,
פון א פאראשט ניט דערברענט ספר־תורה.
א פלאם נעמט מיין פנים אריין אין זיין שויס,
צעיאָגט זיך דאָס הארץ פאר בושה, פאר מורא.

איינזאם איך שטיי פארן שווארצן עבר
מיך טרייסטן — די טרער איז געבליבן נאָר איינע...

א קלעם אין הארצן — א ציטער פון צער
אנטפלעקט דעם געראנגל — באדויערט פון קיינעם!

* * *

פארוויקלט די זון שוין די לעצטע אירע פעדים
און שטיל פונעם מזרח קומט שוין די נאכט;
פון קענטליכע נאָרעס קריכן ארויס שדים
און איינער פון זיי אין פנים מיר לאכט...

די ציין זיינע גיילע דערקען איך...
איך געפין זיי אויסגעקריצט אין זכרון...
ניט איינמאָל באדארפט ווו באצאָלן
זיי זאָלן אין מיין הארץ ניט פארפאָרן...

א מידער, צעבראָכן ווייטער איך גע
פאר מיר נאָר דער שאָטן, גע איך מיט אים,
פלוצים צעיאָגט ס׳הארץ א געשריי: „שטע!
„פ״נ איש אלהים״

מיט מצבות פון קברים פארשטאָרבענע אבות
אויסגעפלאסטערט די גאס איז און איר הילצערנע בריק...
און פאר דער הייליקער שטילקייט פון מיין בית־הקברות
אלץ שלנגלט דער פרוט זיך און שטרעבט צו זיין גליק...

ליעווע 1945

דער אכזר און פריינט

אויפסנײ
נאָכן וויכער
א באַליידיקטער,
באַעוולטער
פון איין
עקידה
צו א צווייטער
אריבער,
ווו אָן א פאַרוואָס
קרבנות
מיין עדה
אויך דאָ...
געגעבן האָט
ווידער.
בלאָנקן שאָטנס,
זאַמלען זיך שאָטנס
און פלעכטן זיך
איבער...

איינזאם

געשטאַנען ביז איצטערט,

עלנט

צו זיך אָן א פּאָר

פּאַרטראַנקן

אין נעכטיקן פינצטער...

אויף חורבות,

ווו בלוט און טרערן

פאַרמישט אינעם אש,

א פרייער

הוליעט

דער ווינט...

מיט וואָס

פאַרהיל איך

מיין וווּנד!?

פריי!

גלויב איך אין דעם

גלויב מיין באַנייעטער היים!

מיין אַרבעט זעץ פּאָר

און דין איר

געטריי!

זי מיין ליבע געווען

און ליבסטע וועט זיין.

גרייכן

דעם געזוכטן

אינדערפרי

געווען איז מיר

שווער...

איך בין דאָך פון די
וואס ווילן נישט
מער
לאיבוד זאָל גיין
זייער כח,
זייער שוויס,
און זייער מי!

איצט צעקלאפט זיך גאָר אנדערש
דער האמער,
שארפער
צעשערט זיך די שער:
גייט דרייסטער
די זעג
אהין און אהער.
אין שטילער איצטעגער רו
דערמאָנען:
דאָס יאָר
די וואָך,
דעם טאָג
און די שעה
פון צער
און פון לייד,
פון פיין
און פון יאָמער!!!

ניט קארגן א
טרער
כאָטש אן אייניציקע
דאָ

פאר אלע,

פאר אלע,

פאר אלע!!!

אויך אויפן גריבל
ווו געזונקען אמאָל האט א שטיבל...
דאָרט מיין שכן געניית האָט א שיך
און דחקות געקייעט,
טרערן געשלינגען,
טרוי מען געוועבט,
געהאָפט...
און געדרינגען...
און א זמרל
פון א לעבן
א בעסערס
געזינגען...
אזוי מיט קלעפ דורכגעלעבט...
און צום סוף?
א קויל באהאלטן אין זיך.
ניט דערלעבט
זיין טעכטערל
מגדל צו זיין.
ביי א טאטן
פירן זיין קינד אונטער
דער חופה —
איז א הייליקער טרוים
אין ערלעכער אָרעמקייט
זיין קינד האָט
געצערטלט,

גערלאַנטשעט,
געפּעסטעט
ביז א דונער
אין פלאמען
פארוויקלט זיין בוים.
— — — אונטער א חופּה
א שווארצער
א צעבלוטיקטע —
ר ו י ט ע
אין הייזל ביים טאטן
צוקאַפּנס געליגן
א ט ו י ט ע.

ניט דערלעבט
צו זען די שיין
פון ב א ג י נ ע ן,
צו זאפּן
געשמאקן פון היינטיקער העל,
וואָס שפּילגלט די ריינקייט
פון אָרעמער שוועל

לאָמער א ט ר ע ר ניטדערוויינטע
פון א מ א מ ע ן
דערוויינען!
געשענדט אומפארשעמטע
אויף מאמישע אויגן
איר איינציק מיידל
דערנאך?
דורכגעלעכערט דאס בליי
האָט זייביידע...

אָט דאָס ביסעלע

אש

באנעצט מיט מיין טרער

פון מענטשן געלעבטע

שטיל,

אָן רעש

קיינעם באַרירט

אויך קיינמאָל

קיינעם ניט

אונטערגעפירט:

האלט אין זיך

א שטויבל

פון א קרבן

א דריטן:

דער זיידע

צווישן אייניק און טאַכטער

געליגן

אין מיטן...

———— — ——— ——

גרוילן

פון יאָרן

פון טעג

און פון שעהן

ווי מעג מען פארגעסן?

אין לעבן,

ביי ארבעט,

אין רוען.

דערוועקן:

א קלעם,

א ברי,
און א שטאָך...

אן אָטעם געדאכטן
פון ווינט אויפן גאס:
— — — צעוואקלען,
צעבלאזן
דעם נעכטיקן בראָך
צעבלעטערן אין וועזן גיך אָף:
———א בענקשאפט,
א ווײ.
א פארדראָס

— און זײ:
פארנעפלען מיין טאָג,
מיך וועקן אין נעכט פון מיין שלאָף,
ווערן אויגן
געשוואָלענע
נאַס

און ברענגען
יסורים
שווערע יסורים...
וויפיל יאָרן כ׳טראָג זיך
מיט זיי
אין דעם ווינקל ארום?!

פון ערגעצן ווייטע
און
נאענטע...

(ווו דער אכזר רואיק
נאָך זיצט)
גרייכן צום אויער שושקערייען:
„ווי מעג ער זיך דרייען,
פארן ליכט דאָ נאָך שטייען!
צו וואָס גאָר געקומען אהער?"

איך וויל
און איך וועל
צום העל
אויך מיטגייען!
בא טויערן
פרעמדע
ניט קלאָפן!
מער
זיך ניט בעטן...

איך וויל
און איך וועל
אויך א ליכטל צעצינדן,
אָפשיילן דאָס הייטל
פון אויג בא דעם בלינדן,
העלפן אויף תליה
דעם אכזר אויפהענגען
און פלעכטן א שטריק...
פאר זיין האלדז
ענגער פארבינדן,
שטארקער פארקניפן

און זיין אָטעם
דערשטיקן
מיך וועט מען
שוין מער
אין קאצעטן
ניט שיקן...
בויען,
אַקערן,
זייען: —
דאָס איז
מיין ערלעכער ווילן.
מיך בויגן?
ניטאָ אַזאַ כח
ער זאָל דעם שטורם צו פריי
אין מיר שטילן!

מען וועט מיר ניט הייסן
און אוודאי ניט בייטן...
אַליין
מיט מוטיקע הענט
פארשניצן אַ ברעט,
פאַרמישן ס׳ליים
און אויפשטעלן
די צעפאלענע ווענט...

ב.

פון קאַצעטן
אהער

געקומען
צוריק
וואָרפן מיין בליק
אין מקומות
ווו אָטעמען
געווען
איז מיר
ש ו ו ע ר...
איצט שטאָלץ
שטעל איך
מיין טראָט
מיט רעכט...
ערשט נעכטן
ג ע ק ר אָ כ ן
אין דער שטאָט...

ווי מצבות
אין בית־עלמין
געשטאַנען פאַריתומטע ווענט
פון מיין שטיבל
צעבראָכן.

דאָ טרעף איך זיך
אויך
מיט איינצעלנע ה ע נ ט: —
צאַרטע...
ניטאָ קיין מאַזאָליע צו זען
ווייסע,
ווי געשליפענער מאַרמאָרנער שטיין
אָט די גאוה׳קע הענט,

ווי איך וואָלט זיי דערקענט:
מיט נעגל
פאַרשאַרפטע,
צערייצטע,
מיט אויגן פאַרגלייזטע...
ווי נעכטן
פאַרשפיצטע
אויך היינט
ציכטיק פאַרשניצטע,
מיט רויטן באַפּאַרבטע
און
מיט חניפה
באַפוצטע...
גאָר ניט געענדערט:
ניט גרין,
ניט בלוי,
ניט געל...
ווען די צייטן טון ווערסט
אַ שייל
און טיפער זיך איינקוקן
אין זיי
דערקענען אויף גיך ווערסט די שיין
פון טויזנטער
ש אָ ט נ ס
אַ ל י י ן

נאָך קיינעם,
נאָך גאָרניט
עס טוט זיי ניט באַנק...

פאַרגעסן
ווי דאָס אין לעבן
קיינמאָל
געשען,
צי יאָרן פאַרגאַנגען,
אין אייביקייט
ווי אַ רויעך זיך צעגאַנגען
פאַרגעסן...
שוין לאַנג?...
ערשט נעכטן פרויען געשענדט,
קינדער אינצווייען געריסן,
אויף שייטערס געבו״ענט,
אין גריבער געשליידערט,
ציינער פון מיילער געריסן...
און העלדזער אויף תליות געקלעמט.
אָט דער אַכזר
מינעט זיך?
און שעמען אוודאי ניט...
נאָך ניט צעגאַנגען
דער שוידער...

און די צייט
אַ פאַרבלויטיקטע
וואָלגערט זיך אין פעלדער
אין גאסן...
צו זיי ניט דערגאַנגען
ניט דער גרייכט
חרטה...

ח ר ט ה?
נאָך ווייט!
זי וועט קיינמאָל
באַרירן די ציכטקייט פון הענט,
כאָטש די הויט אויף זיי:
צ י ט ע ר ט,
ס מ אַ ל י ע ט,
און ב ר ע נ ט...

דרייען זיך,
חנדלען
און קונסטלען אויס רייד...
דערמאָנען זיך אין געשמאַקן
פון נעכטיקער פרייד...

פאַרשטעלטע,
מאַסקירטע
זיי טענהן,
זיי זאָגן:
„ווי קען מען וועגן אונדז אזוינס מיינען,
אַז מיר זענען פעאיק צום שלאָגן
(מיינט איר זיי פרוון זיך שעמען?
נאָר באהאלטן דערביי זייערע בליקן
אונטער צעשויבערטע ברעמען)
ווי נעכטן אויך מאָרגן קיינעם באַרירן,
מיר זענען געבוירן צום צערטלען,
די ריינקייט פון הענט ניט באַפלעקן
און קיינמאָל זיי ניט פאַרשמירן”

אנשטאט זאָלן שטומען
אונטער פלייצעס זיי ברומען:

„ניטדערשניטענע,

ניטדערשניטענע

געקומען הער

ווידער״

ווייניק בלוט

אויף די גאַסן?...

דעריבער

ווי׳ מעגן מיר שטייען

מיט הענט און מיילער

געשלאָסן?!

צי מעג מען רוען,

ניט זאָרגן,

אז דעם נעכטן פאַרבייטן,

קען ניט דער מאָרגן...

אויף א שטעזשקע געטראָטן,

אַ בריקל געוואָרפן,

אַן אָנהייב געלעגט...

און

ער...

מיינט

מעט האָט דאָך געמעגט

ווען מען מעגן אויפסניי

אויפן האַלדז

אַ שטריקל פאַרוואָרפן

און דעם אויוון

גאַנץ פריי

צעצונדן!

צעבלאָזן אַ גהינום

אַ נייעם,

גאָר ווייט
און גאָר הויך...

אָבערוווּ!
די ווינטן אוועק מיטן רויך...
מיר דאכט...
קרובים
מיט מיר זענען
דאָ,
אז כ׳בין שוין ניט איינער,
וואָס טראָגט אינעם האַרצן
אַ ליבע
אַ ריינע.
ניט הפקר,
ווי נעכטן
געווען...

בוקארעסט מאי 1946

דו פרעגסט מיך ניט פארוואס...

דו פרעגסט מיך ניט פאַרוואָס
איך זע אויס אַזוי מיד,
נאָר פרעגסט זיך אָן פאַרוואָס
מיט טרויער ברויזט מיין ליד.

דו פרעגסט מיך ניט פאַרוואָס
פארקריפלט מיין געזיכט,
נאָר פרעגסט זיך אָן פארוואָס
ז׳ שמייכל פעלט אין מיין געדיכט.

דו פרעגסט מיך ניט פאַרוואָס
דאָס גוטע איך נאָך ניט זע,
נאָר בייזערסט זיך אויף מיר
פאַרוואָס אין ריי ניט שטע.

* * *

ווילסטו וויסן דען
די ווערט פון מייע פארלויר;
צי זעעסטו פון ערגעצווו
זאָל קומען אַ באַדויער?

ווילסטו וויסן דען
ווי טיף דערגרייכט דער שניט;
צי ווילמען מיך אַפילו
ליידן אין זייער מיט?

ווילסטו וויסן דען
פון אָט אָ דעם פאַרוואָס
איך גלי אין הארצן אַלץ
דעם דויעריקן פאַרדרוס

און זע דאָס לעבן שיין
אַפילו ווען ס'איז מיאוס
און פרווו זיך שטעלן שוין
אוף מיינע מידע פיס...

ווילסט מיך הערן זינגען
פריילעך־שיינע לידער
אויף די קברים מיינע
קרובים, שוועסטער, ברידער?

ווילסט מיך האָפקען זען
אָנזיניק אויס אַ טאַנץ;

טאָפּטשן און צעטרעטן
די ווירדע און איר גלאַנץ?

ווילסט מיך הערן לאַכן,
לאַכן אַ געלעכטער
איבער צאַרטע טויען
פון צניותדיקע טעכטער!

* * *

איך וועל מיין לעבן ערשט
דעמלט זיין מחדש,
ווען איך וועל אויסוויינען
ביזן סוף מיין קדיש.

און פּאַרוואָס כ׳וועב מיין טרויער
ערשט דעמלט וועטמען וויסן,
ווען אין יעדנס האַרץ
שפּראָצן וועט געוויסן...

שטורמען וועט מיין קדיש
ס׳שלעכטע, ביטערס, בייז;
זיך שטיקן זאָל דער אכזר
אין טרערן, בלוט און שווייס:

בוקאַרעסט 1947

אינהאלט

זייט

מאמע 5

אַן אָנזאָג 14

זאג מיר כאָטש איין וואָרט! 16

טראנסניסטריע 18

שפיל קאפעליע 20

שפורן 22

דער אכזר און פריינט 27

דו פרעגסט מיך ניט פארוואָס 42